די רוסיש־העברעאישע דיכטערין אלישבע

זי איז געווען א קריסטין און איהר נאמען איז געווען יעליזאוועטא איוואנאוונא זשירקאווא.— איהר אריינקומען אין אידישען לעבען.—צו איר 60־יאריגען לעבען.

— פון —
חיים ווינער

צוריק מיט א פאר יאהר בין איך אין תל־אביב איינגעלאדען געווארען צו אן אווענט, וואס די ציוניסטישע פרויען־ארגאניזאציע וויצ׳א האט איינגעארדענט לכבוד דער ערשיינונג פון א לידער־זאמלונג פון דער באוואוסטער העברעאישער דיכטערין א ל י ש ב ע. איך בין געזעסען אויף יענעם אווענט, אויסגעהערט די רעדעס און באגריסונגען וואס פארשיידענע העברעאישע שריפטשטעלער האבען געהאלטען לכבוד זייער קאלעגין און געווארט מיט גרוים, אינטערעס אויף דער רעדע פון דער דיכטערין זעלבסט, וואס איז א לעגענדארע פיגור אין דער העברעאישער ליטעראטור. איך בין געזעסען און באטראכט דאס פארעלטערטע, צוקנייטשטע פנים פון דער טיפיש־סלאווישער פרוי, וואס איז געזעסען אויבען־אן ביי דעם טיש און זיך צוגעהערט מיט גרוים באשיידענקייט צו אלע רעדעס. איך האב געהאפט, אפשר וועט די דיכטערין אליין עפעס אנטפלעקען אין איהרע רייד פון אט א דער גרויסער מיסטעריע, וואס האט זי באוועגט צו פארלאזען איהר פאלק און די גרויסע רוסישע ליטעראטור און זיך באהעפטען מיט׳ן גאנצען הארצען מיט׳ן ארימען ארץ־ישראל׳דיגען ישוב און מיט דער נייער העברעאישער ליטעראטור.

איך בין אבער „אנטוישט" געווארען. די דיכטערין האט אינגאנצען ניט באריהרט אט א די אינטערעסאנטע פראגע. זי האט אין איהר ענטפער־רעדע באריהרט אלגעמיינע פראבלעמען פון פאעזיע בכלל און פון דער העברעאישער דיכטונג בפרט. זי האט גערעדט וועגען די גרויסע דיכטער פון דער וועלט־ליטעראטור, וועלכע האבען משפיע געוועזען אויף איהר שאפונגס־וועג. זי האט גערעדט ווי אן א י י ג ע נ ע ר מ ע נ ש, ווי אן איינגעווארצעלטע אידישע ארץ־ישראל׳דיגע דיכטערין, און נישט ווי א פ ר ע מ ד ע ה, וואס דארף עפעס אויפקלערען און פארענטפערען.

איך האב אויסגעפונען אין ארץ־ישראל, אז די דיכטערין לעבט אין א תל־אביב׳ער פארשטאט א זעהר ארים לעבען, און זי האט אויך ערצויגען איהר טאכטער אין א חלוציש־פראלעטארישען גייסט. אבער זי באקלאגט זיך קיינמאל ניט. זי זוכט ניט קיין „פובליסיטי" און זי נעמט אויף זיך אלע יסורים, וואס איהר לעבען אין ארץ־ישראל האט איהר פארשאפט, באהבה, און זי האט צו קיינעם קיין טענות ניט. איך דענק, דעריבער, אז יעצט, ווען די דיכטערין איז אלט געווארען זעכציג יאהר, איז כדאי צו באקענען די אידישע לעזער מיט אט א דער אינטערעסאנטער פרוי, וואס איז פון א פראוואסלאווער רוסישער קריסטין פארוואנדעלט געווארען אין א בארימטער העברעאישער דיכטערין.

אלישבע, וואס איהר אמאליגער נאמען איז געוועזען יעליזאוועטא, איז געבוירען געווארען אין יאהר 1888 אין ריאזאן, טיף־רוסלאנד. איהר פאטער, איוואן זשירקאוו, א פראוואסלאווער קריסט, איז געוועזען א לערער אין א דארפישער שולע, און שפעטער איז ער געווארען א סוחר און א פארלעגער פון ביכער פאר שולען און פאר׳ן פאלק. אלישבע׳ס מוטער, אן אירלענדערין פון געבורט, איז געשטארבען ווען אלישבע איז אלט געוועזען דריי יאהר. אלישבע איז ערצויגען געווארען אין הויז פון איהר ענגלישער מומע אין מאסקווע. דארט האט זי געלערענט אין א גימנאזיע און אין א פעדאגאגישען אינסטיטוט.

זי האט אנגעהויבען שרייבען לידער אויף רוסיש אין יאהר 1907. אין יענער צייט איז אלישבע גראדע אריינגעפאלען אין א אידישער אומגעבונג — זייענדיג אן אריינגעהערין אינ׳ם הויז פון איהרער א אידישער חבר׳טע, וואס האט געהאט געלערענט צוזאמען מיט איהר אין גימנאזיע, און וועלכע האט אויף איהר געהאט א גרויסען איינפלוס. דאס אידישע לעבען האט אויף דער דיכטערין געמאכט א גרויסען איינדרוק און איהר התפעלות האט אלישבע אויסגעדריקט אין א סעריע רוסישע לידער, וועלכע זיינען דורכגעדרונגען מיט בענקשאפט און ליבע צו אלעם וואס איז שעהן און עדעל אינ׳ם אידענטום. די דאזיגע לידער זיינען ערשינען אין יאהר 1919 אויף רוסיש אין צוויי ביכער, אונטער׳ן נאמען „מינוטען" און „באהאלטענע דיכטונגען".

אין יאהר 1913 האט זי אנגעהויבען לערנען העברעאיש אויף א סיסטעמאטישען אופן, אויף די אווענט־קורסען פון דעם מאסקווער פאראיין „חובבי שפת עבר" („ליבהאבער פון דער העברעאישער שפראך"), און איז זעהר באגייסטערט געווארען פון דער שפראך. אינגיכען האט זי אויך אליין פרובירט איהרע כוחות אין דער העברעאישער שפראך און איהרע ערשטע שריט האבען זיך אויסגעדריקט אין איבערזעצונגען אויף רוסיש — פריהער פון דער אידישער ליטעראטור און נאכדעם אויך פון העברעאיש. פון אידיש האט זי איבערגעזעצט פארשיידענע שאפונגען פון נאמבערג און אנכי און יהודה הלוי לויט דער אידישער באארבייטונג פון ח. נ. ביאליק. די דאזיגע איבערזעצונגען זיינען געדרוקט געווארען אין יאהר 1915 אין א רוסישער וואכען־שריפט וואס איז ערשינען אין מאסקווע. פון העברעאיש האט זי איבערזעצט אויף רוסיש פארשיידענע ערצעהלונגען פון ג. שאפמאן, י. ח. ברענער, א. נ. גנעסין און פיל לענגענדעם פון יהודה שטיינבערג. אויף איהרע רוסישע איבערזעצונגען פון העברעאיש און אידיש פלעגט זי זיך מייסטענס אונטערשרייבען מיט איהר פאמיליען־נאמען „זשירקאווא". אויף איהרע לידער האט זי זיך גע׳חתמ׳עט מיט איהר העברעאישען נאמען „אלישבע".

וועגען יענער צייט, וואס איז געווען א ווענדע־פונקט אין איהר לעבען, דערצעהלט די דיכטערין אין איהרער א קורצער אויטאביאגראפיע.

די אנטוויקלונג פון דער דיכטערין׳ס וועלט־אנשויאונג האט געפונען אן אויסדרוק אין איהרע אויבען־דערמאנטע רוסישע לידער, און אויך אין איניגע פון איהרע שפעטערדיגע העברעאישע ערצעהלונגען ווי „נרות של שבת" („שבת־ליכט") און „אורות בלילה" („ליכטער אין דער נאכט").

אין יאהר 1920 האט זי צום ערשטען מאל פרובירט פארפאסען אן אריגינעל ליד אויף העברעאיש, און פון דעמאלט אן האט זי זיך באהעפט מיט דער העברעאישער שפראך און ליטעראטור. איהרע ערשטע העברעאישע לידער זיינען געדרוקט געווארען אינ׳ם 13טען באנד פונ׳ם זאמעל־בוך „התקופה". אין יאהר 1922 האט זי אנגעהויבען שרייבען העברעאישע פראזע. אירע ערשטע פרואוען, צוויי קורצע ערצעהלונגען, זיינען פארעפענטליכט געווארען אינ׳ם 19טען באנד פון „התקופה". נאכדעם האט זי פארעפענטליכט אנדערע ערצעהלונגען אין פארשיידענע העברעאישע צייטשריפטען און זאמעל־ביכער.

אויסער ערצעהלונגען און לידער האט אלישבע פארעפענטליכט אפהאנדלונגען איבער העברעאישע און אייראפעאישע שריפטשטעלער אין פארשיידענע העברעאישע ארגאנען. מיט באזונדערער הארציגקייט האט אלישבע באלויכטען די געשטאלט פון

אלישבע

א ל ע ק ס א נ ד ע ר ב ל א ק — דער גרעסטער דיכטער פונ׳ם רעוואלוציאנערען רוסלאנד, וועלכער איז איהר זעליש זעהר נאהענט. אין איהר אויבנדערמאנטער קורצער אויטאביאגראפיע זאגט אלישבע: „פון די רוסישע דיכטער האבען מיך מייסטענס באאיינפלוסט: פעט און אלעקסאנדער בלאק, פון די העברעאישע שריפטשטעלער — גנעסין און שאפמאן."

אלישבע האט אויך איבערזעצט פארשיידענע ווערק פון דער אייראפעאישער ליטעראטור אויף העברעאיש. פון ענגליש האט זי איבערזעצט די ביכער פון א. ר י ט ש א ר ד ב י ר ד, נ ע ה ר ו און אנדערע.

אין יאהר 1925 האט אלישבע פארלאזט רוסלאנד און איז צוזאמען מיט איהר מאן, דעם העברעאישען קולטור־טוער ש. ב י כ א ו ו ס ק י, געקומען קיין ארץ ישראל.

אין בוך־פארם האט אלישבע ארויסגעגעבען פאלגענדע ווערק: „כוס קטנה" („א קליינער בעכער"). די דאזיגע זאמלונג לידער איז ערשינען אין דריי אויפלאגען; „סיפורים" („ערצעהלונגען"); „חרוזים" („פערזען"); „משורר ואדם" („דיכטער און מענש") — וועגען דער דיכטונג פון אלעקסאנדער בלאק; „סימטאות" („געסלעך") — א ראמאן וועגען דעם לעבען פון דער מאסקווער אינטעליגענציע און קינסטלער־וועלט (דעם בוך האט די דיכטערין אנגעהויבען שרייבען אין יאהר 1925 אין מאסקווע און פארענדיגט אין יאהר 1929 אין תל־אביב); „מקרה טפל" („אן אומוויכטיגע פאסירונג") — אן ערצעהלונג פון דער צייט וואס די אנטיסעמיטען האבען פארשפרייט אין דער באלשעוויסטישער מאסקווע א בלוט־בלבול אויף אידען.

ס׳איז אויך כדאי צו דערמאנען אלישבע׳ס ערצעהלונג „מלכה לעברים" („א קעניגין פאר אידען"), אין וועלכער ס׳ווערט אויך געשילדערט דאס לעבען פון דער רוסיש־אידישער אינטעליגענציע.

אלישבע׳ס אידישליכע געפיהלען און איהר טיפע פארשטענדעניש פאר דעם אלטען טראדיציאנעלען אידישען לעבענס־שטייגער אין די מזרח־אייראפעאישע קליינע שטעטלעך קומען צום אויסדרוק אין איהר באוואוסט ליד „נראית לי עיר נדחת" („ס׳האט זיך מיר באוויזען א פארשטויסענע שטאט") — וואס איך וועל דא איבערגעבען אין א ווערטערליכער אידישער איבערזעצונג:

„ס׳האט זיך מיר באוויזען א
פארשטויסענע שטאט;
אויף איהר שוויגט דער אווענט,
און דאס הויז, אין וועלכען
איך בין געבוירען געווארען.
שטעהט אין דער וויסטער גאס...
אויך דאמאלס האבען די ביימער
געשוויגען,
די בלעטער זיינען פאמעלעך
ארונטערגעפאלען,
דער אווענט אין די קרישטאל־הימלען
האט אנגעצונדען די שבת־שטערן...

און ווייט — איז געזעסען א אינגעל
אויף אן אלטען־אלטען בוך
און האט געלערענט מיט׳ן אמאליגען ניגון
אינ׳ם אלטען בית־מדרש, —
און דער טרויעריגער ניגון האט
דערגרייכט
צו דער ווייטער שטאט,
און איז געווארען דאס וויג־ליד
פאר מיין זיסען שלאף.

איך בין געשלאפען און ניט געהערט...

דאס גאנצע הויז איז געווען שטיל,
און די קרישטאל־שטערען האבען מיך
געבענטשט
מיט׳ן פרידען פון שבת־אווענטען."

וועגען אלישבע׳ן שרייבט דער באקאנטער העברעאישער שריפטשטעלער יעקב פיכמאן:

„אין אלע דורות האט די אידישע מארטיראלאגיע צוגעצויגען עדעלע און גוטע נשמות, אזעלכע וועלכע האלטען זיך פרעמד פון יעדען, וואס ס׳געהט איהם גוט, און זיי פאלגען נאך מיט הארציגקייט די באליידיגטע און ליידענדע מענשען. און דאס איז געווען א גוטער צייכען פאר אונזער פאעזיע, א גוטער סימן פאר דער גאנצער העברעאישער רעוואלוציע, אויב זי האט געהאט גענוג קראפט איינצונעמען דאס הארץ פון א דיכטערין, וועלכע האט געזונגען אויף דער שפראך פון איהר פאלק און האט געזויגען פון די קוואלען פון זיין שטארקער דיכטונג. ס׳איז אויסער צווייפעל, אז ס׳איז פאראן עטוואס אין איהר בלוט, וואס האט אומגעווארפען יעדע מחיצה — אויב ס׳איז איהר געלונגען איינצונעמען א אלטע שפראך און זי מאכען פאר אן אינסטרומענט פון דער מוזיק פון איהר הארצען. — — — אין די זאכען, וועלכע זיינען איהר געלונגען, האט זי אויך געפונען אן אמת׳ען שפראכליכען אויסדרוק, אן אויסדרוק, וואס איז געשטעמפעלט מיט׳ן שטעמפעל פון פשטות, וואס פאסט אם־בעסטען צו איהר דיכטונג."

אלישבע האט ארויסגעוויזען א פרוכטבארען און שעפערישען טאלאנט אין פארשיידענע פארמען: אין ליד, ערצעהלונג און קריטיק — און אין אלע איז פאראן עטוואס פון איהר פערזענליכער לירישער אייגנשאפט. זי געהט־צו צו דער ליטעראטור מיט אן אינטימער באציהונג און זעלישער באדערפעניש, ווי צו א הייליגער זאך. א ריינע, ווייבליכע און עדעלע ווייכקייט קוועלט אין אלע איהרע שאפונגען. מיט א לייכטער און נאטירליכער שפראך, אהן מליצות און באפוצונגען, דריקט די דיכטערין אויס איהר באשיידענע בענקשאפט נאך א ביסעלע גליק און רוה אין לעבען, וואס ווערט אזוי בצמצום׳דיג געגעבען דורך דער נאטור. אין איהרע לידער איז אפט פאראן פון דער הארציגער און נאאיווער איינפאכקייט פון א פאלקס־ליד און אין איהרע ערצעהלונגען איז בולט די שטרעבונג צו דערצעהלען וועגען דעם יסוד פון ערהאבענקייט אין לעבען און צו שילדערען דאס גוטע און בעסטע אינ׳ם מענשען.

אויף ווי ווייט אלישבע האט זיך איינגעווארצעלט אינ׳ם אידישען לאנד, קען מען זעהן פון איהרע ארץ־ישראל־לידער, פון וועלכע ס׳אטעמט מיט הייסער ליבע צו דער ארץ־ישראל׳דיגער לאנדשאפט — צום נייעם פאטערלאנד פון דער דיכטערין. מיר וועלען דא, אלס ביישפיל, ברענגען אין א ווערטערליכער אידישער איבערזעצונג דאס ליד „על חוף ים כנרת" („ביים ברעג פונ׳ם ים כנרת"):

„שטיל, שטיל פליסטערט דאס וואסער;
דער ים כנרת רוהט אין אייביגער שטילקייט.
א ווייס־פליגעלדיגער ים־פויגעל איז
פאראיבער,
א מינוט — א שאטען איז איבער׳ן וואסער
פאראיבער,
א מינוט — דער קלאנג פון ליד האט
אין הארצען געציטערט.

ווי א זילבערנער שפיגעל אין דער ראם
פון די בערג, וואס הויבען־זיך ארום,
אקעגען דעם הימעל, קוקט כנרת
און אין א וואסער־פליסטערן
דערצעהלט זי
וועגען וועלט־סודות — און ס׳הערט זיך
קיינער ניט צו.

ניין, ניט דא וועל איך זינגען!
צי וועל איך שטערען
די רוהיגע שעהנקייט פון איהר שלאף?
דא וועל איך זיצען צווישען וואסער
און צווישען הימעל,
און וועל דענקען, אז אויך דער סוף
איז געקומען,
אז מיין זעלע האט געפונען
איהר פאטערלאנד."